בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון פ"ו

פרשת וישלח
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם דְרִיטְן און לֶעצְטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק

בִּיז אַהֶער הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן עֶטְלִיכֶע בֵּיישְׁפִּילְן וָואס הָאט מִיט דִי עֶלְטֶערְן און נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, יֶעצְט וִויל אִיךְ צוּלֵייגְן וָואס הָאט יָא מִיט דִי קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק א): **"דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"**, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אִידִישְׁקֵייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ! - און דָאס הָאט צוּטוּן מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף פַּארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ.

'דֶרֶךְ אֶרֶץ' מֵיינְט אַז אַ קִינְד קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ מְלַמֵּד רֶעדְט, און אַ קִינְד קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט; אוֹיךְ וֶוען אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ לֶערֶערִין קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה, מוּזְן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער שְׁרַייבְּן און מָאלְן (מַאלֶעוֶוען), אָדֶער זֵיי חַזֶרְ'ן אִיבֶּער וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, און אַ קִינְד צוּשְׁמוּעֶסְט זִיךְ מִיט אַ חַבֵר, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁטֶעלְן דֶערוֹיף, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז יֶעצְט אַ צַייט וָואס דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר, מוּזְן אַלֶע קִינְדֶער זַיין שְׁטִיל, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ קִינְד זָאל דֶעמָאלְט רֶעדְן.

### 'שְׁטְרֶענְג' אָבֶּער נִישְׁט 'שְׁלֶעכְט'

אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ - פוּן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג. אָבֶּער 'שְׁטְרֶענְג' מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן זַיין 'שְׁלֶעכְט' צוּ דִי קִינְדֶער, נָאר מֶען זָאל זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק, הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג אוֹיף 'דֶרֶךְ אֶרֶץ, הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶנְק נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן, זֵיי וֶועלְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ: **"דֶער רֶבִּי אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶער רֶבִּי, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער רֶבִּי"**, עֶס אִיז פוּנְקְט פַּארְקֶערְט, קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין וָואס הַאלְט דִי כִּתָּה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין, וֶוען עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַ הַאלְבֶּע יָאר וֶועלְן דִי קִינְדֶער עֶנְק גָאר שְׁטַארְק לִיבּ הָאבְּן, וַוייל קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין וָואס הַאלְט דִי כִּתָּה וִוי אַ 'בְּמְקוֹם', מִיט אַ לִינְקֶע פִּיס, און דִי קִינְדֶער מַאכְן אַ לֶעבְּן...

קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ וֶוען מֶען אִיז שְׁטְרֶענְג, אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט 'שְׁלֶעכְט', מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין פְּרִיוַואטֶע קְרִיגֶערֵייעֶן מִיט דִי קִינְדֶער.

סוֹף יָאר וֵוייסְן דִי קִינְדֶער צִי דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיךְ לִיבּ גֶעהַאט, אָדֶער נִישְׁט. וִויפִיל אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין וֶועט זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **"עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ דִיךְ יָא לִיבּ"**, וֶועט מֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן דֶעם מְלַמֵּד, מֶען וֶועט גְלֵייבְּן דֶעם קִינְד, וַוייל דָאס קִינְד שְׁפִּירְט צִי מֶען הָאט אִים בֶּאֱמֶת לִיבּ.

### אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ

אָנְהֵייבּ יָאר מוּז מֶען זַיין גָאר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם פְּרַט; אוֹיבּ אַ קִינְד צוּרֶעדְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן אִינְמִיטְן כִּתָּה, מוּז מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם לִימוּד און זָאגְן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אִין כִּתָּה!"**

מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען נָאכְאַמָאל

## הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ

און נָאכְאַמָאל בִּיז דָאס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער. און אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אַלֵיינְס דֶער כֹּחַ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דָאס רֶעדְן אִין כִּתָּה, מוּז מֶען נִיצְן דִי כֹּחַ פוּנֶעם מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער מֶען זָאל מַאכְן אִין שׁוּלֶע אַ בַּאזוּנְדֶערֶע אָפִּיס פַאר דִי מְנַהֶלֶת, נִישְׁט צוּזַאמֶען מִיט דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס, כְּדֵי אוֹיבּ אַ לֶערֶערִין הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט אַ קִינְד וָואס רוּפְט זִיךְ נָאךְ עֶפֶּעס אָן אִינְמִיטְן כִּתָּה, זָאל זִי אִיר קֶענֶען שִׁיקְן צוּ דִי מְנַהֶלֶת, און דִי מְנַהֶלֶת וֶועט אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט דֶרֶךְ אֶרֶץ

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַאר קִינְדֶער 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', און מֶען שְׁטֶעלְט אָפּ דִי כִּתָּה אִינְמִיטְן פָּארְלֶערְנֶען וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט, אִיז עֶס נִישְׁט וַוייל 'מִיךְ בַּאדֶערְט וֶוען דוּ רֶעדְסְט אִינְמִיטְן כִּתָּה', און 'אִיךְ בִּין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר וַוייל אִיךְ זֶע אַז דוּ דַארְפְסְט מִיךְ נִישְׁט', נָאר וַוייל אַזוֹי זָאגְט דִי תּוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ לֶערֶערִין רֶעדְט! און דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אַז אִין אַ כִּתָּה דַארְף זַיין דִיסְצִיפְּלִין, און דָאס קוּמְט נָאךְ פַארְן לֶערְנֶען.

אוֹיבּ אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: **"קְלֵיינֶע שְׁטִינְקֶער רֶבִּי"**, **"קְלֵיינֶע שְׁטִינְקֶער טִיטְשֶׁער"**, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: 'עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן, זֵיי זֶענֶען ווּאוּילֶע קִינְדֶער', וַוייל זֵיי זֶענֶען טַאקֶע זֵייעֶר ווּאוּילֶע קִינְדֶער, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן און יֶעצְט טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן!

### מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד 'עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס'

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַאר עֶלְטֶערְן; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, וַוייל דָאס וִויל דֶער

אייבערשטער.

דעם פארגאנגענעם יום טוב, שמיני עצרת אינדערפרי, האב איך געגעבן א שטיקל שמועס פארן דאווענען, אינמיטן דעם שמועס האב איך באמערקט ווי איינער איז אריינגעקומען, האב איך געזאגט פאר זיין זון: **"שטעל זיך אויף, געב א בענקל פאר דיין טאטע, און מאך אים א קאווע"**, האט זיך דער טאטע אנגערופן: **"עס פעלט נישט אויס"**, האב איך געזאגט פארן טאטן: **"דו טארסט נישט זאגן פאר דיין זון 'עס פעלט נישט אויס'!"**

אז א קינד שטעלט זיך אויף און געבט איבער זיין בענקל פאר זיין טאטע, אדער ער ברענגט אים א קאפ סאדע וכדומה, דארף עס דער טאטע איבערנעמען און זאגן: **"יישר כח"**, מען קען נישט זאגן פאר'ן קינד: **"עס פעלט נישט אויס, איך קען אליינס נעמען א בענקל און צו טרינקען"**, - וואס הייסט 'עס פעלט נישט אויס'?! א טאטע דארף דאך אויסלערנען זיינע קינדער צו טון וואס דער אייבערשטער הייסט, און די הייליגע תורה זאגט אז א קינד מוז זיך אויפשטעלן פאר זיין טאטע מאמע און זיי מכבד זיין, און עס איז נישט קיין חילוק צי די עלטערן האבן אים גע'רודפ'ט, אדער זיי זענען נארמאלע מענטשן.

## אויסלערנען אויפצוהייבן די האנט

מען דארף אוועקשטעלן א סדר אין כתה אז אויב מען וויל עפעס זאגן, זאל מען אויפהייבן די האנט אין די הייעך. און אויב מען זעט קינדער מאכן א גרודער ווען זיי הייבן אויף זייערע הענט ווייל זיי מיינען אז דער מלמד אדער לערערין האט זיי נאכנישט באמערקט, דארף מען דאס אויך אויסלערנען אז מען קען נישט מאכן קיין טומל. עס איז כדאי צו ווייזן פאר די קינדער ווי אזוי מען האלט די האנט אין די הייעך אן קיין טומל.

## וואס טוט מען מיט קינדער וואס הייבן אויף די האנט פאר נארישקייטן?

מלמדים פרעגן, וואס טוט מען ווען מען האלט אינמיטן לערנען און א קינד הייבט אויף זיין האנט און רופט זיך אן א זאך וואס קומט נישט יעצט אריין?

דער ענטפער איז: עס ווענדט זיך; עס איז מיר זייער שווער צו רעדן צו אלע מלמדים אויפאמאל, ווייל דאס איז א זאך וואס ווענדט זיך ווי יונג דאס קינד איז און ווי דערוואקסן ער איז.

אויב איז עס א קינד וואס איז נאכנישט דערוואקסן, ער ווייסט נישט ווען זיך אנצורופן זיינע זאכן, און ער הייבט אויף זיין האנט, קען מען אים פרעגן: **"דארפסט אין בית הכסא?"** - אויב ער דארף גיין אין בית הכסא, דארף מען אים לאזן גיין; עס איז נישטא אזא זאך פון נישט לאזן גיין אין בית הכסא, אז מען דארף גיין אין בית הכסא און מען גייט נישט - איז מען עובר אויף א לאו אין די תורה (שלחן ערוך, אורח חיים, סימן ג, סעיף יז). און אויב דאס קינד זאגט אז ער דארף נישט אין בית הכסא, זאגט מען אים: **"לייג אראפ דיין האנט, מען האלט יעצט אינמיטן לערנען, באלד וועל איך הערן וואס דו ווילסט זאגן"**.

אויב דאס קינד זאגט: **"אבער עס איז זייער א וויכטיגע זאך"**, דארף מען אים לאזן רעדן, אפשר איז עס טאקע וויכטיג, עס קען זיין אז דאס קינד דארף אהיימגיין אדער ער האט עפעס פארגעסן און ער דארף אהיימרופן זיינע עלטערן. מען קען שנעל אויפכאפן אויף א קינד צי ער האט עפעס וויכטיג צו זאגן אדער נישט.

אויב א קינד הייבט אויף זיין האנט אינמיטן פארלערנען און ער זאגט: **"איך האב געוואלט דערציילן אז מיין מומע איז געווארן א כלה"**, זאל מען זאגן פארן קינד: **"באלד וועט מען מאכן א 'מזל טוב' פאר דיין מומע, יעצט דארף מען ווייטער לערנען"**.

א קינד וואס הייבט זיין האנט פאר נארישע זאכן ווייל ער וויל שטערן די כתה, דארף מען אים געבן אסאך אויפמערקזאמקייט, מען קען איך מאכן פאר גבאי אדער חזן, אדער ער זאל ארויפקומען נעבן דעם מלמד פארזאגן דעם לימוד, אזוי וועט ער מער נישט זוכן אויפמערקזאמקייט דורך שטערן די כתה.

אויב מען האט א קינד וואס מאכט א שפיל, יעדע פינף מינוט בעט ער ארויסצוגיין פון כתה מיט'ן תירוץ אז ער דארף גיין אין בית הכסא, ווענדט זיך ווי אלט דאס קינד איז, אויב איז עס אן עלטערער קינד, קען מען ארויסרופן דעם קינד און אים פרעגן: **"וואס ווילסטו? וויפיל מאל דארפסטו גיין אין בית הכסא?"** אבער אויב עס איז א יונגערער קינד, דארף מען קודם מברר זיין ביי זיינע עלטערן אויב דאס קינד האט פראבלעמען; איינע פון די סימנים פון א מענטש וואס ליידט אויף צוקער איז אז מען הערט נישט אויף ארויסצוגיין אין בית הכסא. ווערט נישט יעצט דערשראקן אז יעדער קינד וואס גייט אסאך אין בית הכסא מיינט אז ער ליידט אויף צוקער, עס קען זיין נאך זאכן וואס ברענגען צו אז מען זאל דארפן אסאך ארויסגיין, מען דארף אבער רעדן צו עלטערן איבער דעם און זען וואס גייט פאר מיטן קינד.

## מען קען נישט מאכן קינדער פאראליזירט...

אז מען רעדט פון אוועקשטעלן 'דרך ארץ' אין כתה וויל איך אבער באמערקן אז מען קען נישט יעדע רגע מאכן א צווייטן פאר א מחוצף.

אין וויליאמסבורג איז דא א כתה וואס איז יעצט אביסל לויז, עס איז נישטא דארט קיין דרך ארץ, און אזוי ווי מיר האבן נישט אין וויליאמסבורג קיין מנהל, (דער מנהל האט זיך אוועקגעצויגן אין שטעטל) בין איך צוריק געווארן דער מנהל, בין איך נעכטן געגאנגען צו יענע כתה, איך האב געפרעגט דעם מלמד צי די קינדער זענען וואויל, האט מיר דער מלמד געזאגט אז איין אינגל איז נישט דרך ארץ'דיג, ווען ער פרעגט עפעס פון דעם קינד, מאכט ער זיך נאריש, האב איך געפרעגט דעם מלמד ווער דער אינגל איז, האט ער מיר געוויזן אויף איינער פון מיינע קינדער.

דאס איז א 'מעשה פון תפלה', ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי איך דארף ממילא איינעם געבן א פאטש אין דעם כתה כדי אויסצולערנען און אוועקשטעלן דרך ארץ - זאל עס זיין פאר איינע פון מיינע קינדער, ווייל איך וויל מחנך זיין מיינע קינדער צו זיין דרך ארץ'דיג. שכח אייבערשטער איך האב זייער ליב מיינע קינדער און איך בין זייער שטרענג צו זיי, און געלויבט דעם אייבערשטן אז אלע מיינע קינדער, סיי די וואס האבן שוין חתונה געהאט און סיי די יונגערע, האב איך אויסגעלערנט 'דרך ארץ'.

למעשה האב איך ארויסגערופן דעם קינד און אים געגעבן א פאטש. אבער נאכדעם האב איך געזאגט פארן מלמד אינדרויסן פון כתה: קוק אהער, איך בין גרייט צו זיין ביי די קינדער דער שטרענגער, דער שטארקער, דיין רוקן ביין, און דו קענסט שיקן קינדער צו מיין אפיס, אבער אויב דו גייסט יעצט יעדע צווייי מינוט טרעפן א 'מחוצף' און זיי שיקן צו מיין אפיס, יעדע רגע וועט פליען מיסלס צו מיין אפיס, וועל איך מוזן ווערן דער וואוילער; מען קען נישט אזוי זיין קיין מלמד.

איך האב מסביר געווען פאר דעם מלמד: מען קען נישט קנס'נען א גאנצן טאג קינדער. איך קען אריינקומען איין מאל אין א שטיק צייט, צו אנשטימען (טונען) די כתה; אזוי ווי ווען מען האט א גיטאר וואס די שטריק זענען לויז, קען מען עס נאך צוריק אנשטימען (צוריק שטעלן אין פלאץ), אבער אויב זענען שוין די שטריק צעריסן,ווארפט מען עס אריין אין מיסט, די זעלבע זאך - האב איך געזאגט פארן מלמד - איז מיט דיין כתה, אויב דו האלטסט דיין כתה שטארק און עס האט זיך געמאכט אז

## המשך שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַ אִינְגְל אִיז גֶעוֶועןְ אַ מְחוּצָּף, קֶען אִיךְ קוּמֶען דִיר הֶעלְפְן עֶס צוּרִיק שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ, אָבֶער אוֹיבּ עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן צֶערִיסְן, יֶעדֶע מִינוּט וֶוערְט נָאךְ אַ אִינְגְל אַ מְחוּצָּף, וַוייל דֶער הָאט נִישְׁט גֶעטַייטְלְט, אוּן דֶער הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּקְט, אוּן דֶער הָאט נִישְׁט גֶעעֶפְנְט זַיין בּוּך, אוּן דֶער הָאט זִיךְ גֶערוּקְט, - וָואס ווִילְסְטוּ פוּן דִי קִינְדֶער? דוּ ווִילְסְט זֵיי מַאכְן פַּארַאלִיזִירְט?! לָאז דִי קִינְדֶער אָטֶעמֶען!

### נִישְׁט אַלֶעס אִיז 'חוּצְפָּה'

מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין מְחוּצָּף אוֹיבּ מֶען טַייטְלְט נִישְׁט, אָדֶער מֶען קוּקְט נִישְׁט אַרַיין.

אַז אַ קִינְד קוּקְט נִישְׁט אַרַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט פָּאר, קֶען מֶען אִים נִישְׁט פָארְהַאלְטְן: **"דוּ פָּאלְגְסְט נִישְׁט דֶער רֶבִּי, וַוייל דוּ קוּקְסְט נִישְׁט אַרַיין!"** - דָאס קִינְד הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעהֶערְט וֶוען דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרַיינְקוּקְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְ'חָלוֹמְ'ט.

אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס הָאט גֶערֶעדְט אִינְמִיטְן כִּתָּה, מוּז נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין אַז עֶר אִיז אַ 'מְחוּצָּף', עֶס קֶען זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ פַארְ'חָלוֹמְ'ט, עֶר הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעהֶערְט אַז מֶען הָאט גֶעהֵייסְן זַיין שְׁטִיל.

### דֶרֶךְ אֶרֶץ אִינְדֶערְהֵיים

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי עֶנְק אִינְדֶערְהֵיים אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן אָנְפַייפְן טַאטֶע מַאמֶע, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ זַאךְ בַּיי אַ שַׁבָּת טִישׁ אַז עֶס זָאל פְּלִיעֶן זַאכְן אוּן מֶען זָאל סְטְרַאשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן.

דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אַ קִינְד קֶען צוּרִיק טוּן פַאר עֶלְטֶערְן, אִיז 'בְּלָאזְן'... בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים אִיז נָאר דָאס בַּארֶעכְטִיגְט צוּ טוּן, דָאס קֶענְסְטוּ מִיךְ צוּרִיק טוּן, קֶענְסְט בְּלָאזְן; אָבֶער עֶפֶענֶען אַ מוֹיל, וַוארְפְן זַאכְן, מַאכְן אוֹיס שְׁטוּבּ, אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ! עֶס אִיז דָאךְ אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ!

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה'

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן דֶערְצֵיילְן 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה'.

סֵיי מֶען זָאל פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער: **"וֶוער הָאט אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה', אַ מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"** אוּן סֵיי אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַלֵיינְס זָאלְן דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי. צוּם בֵּייְשְׁפִּיל: **"אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט פוּן עֶפֶּעס אַ זַאךְ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן"**, **"אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיפְרֶעגְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן"**, **"אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ"**; זָאגְטְס פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ זַיין אֶמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, נָאר אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער הַאטְלֵיין 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' אִיז אַ יְשׁוּעָה

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרוֹיסְצוּקוּמֶען מִזְּמַן לִזְמַן צוּ עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל, עֶנְק מְחַזֵּק זַיין, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ צוּ גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, וַוייל יֶעצְט דַארְף מֶען דָארְט מֶער הִילְף וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין מְנַהֵל, אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיפְלֵייגְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב', וֶועט מֶען דָארְט קֶענֶען הֶערְן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים פוּן חִיזּוּק אוֹיף חִינוּךְ.

דִי הַאטְלֵיין 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' אִיז מַמָּשׁ אַ יְשׁוּעָה, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל הֶערְן 'קוֹל מְבַשֵּׂר' אוּן יֶעדֶע רֶגַע וֶוערְן מְשׁוּגָע אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן הֶערְן וָואס דֶער הוֹיכֶער אוֹיפְזֶעעֶר (מְפַקֵּד) הָאט גֶעזָאגְט, אוּן וָואס דֶער הוֹיכֶער אַמְבֶּעסַאדָאר הָאט גֶעזָאגְט, אוּן וָואס דֶער רַמַטְכַּ"ל (הוֹיפְּט גֶענֶערַאל) הָאט גֶעזָאגְט, וֶועל אִיךְ הֶערְן 'קוֹל בְּרֶסְלֶב', אוּן אִיךְ וֶועל הֶערְן נָאךְ אַ חִיזּוּק שִׁיעוּר, אוּן נָאכְאַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נָאכְאַמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, אוּן נָאכְאַמָאל ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אוּן ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ כִּתָּה.

אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז קְלָאר דִי פָּאר נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ רֶעדְן. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא אִין עֶנְקֶער אַרְבֶּעט, אָמֵן.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### זָאל מֶען נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן, אָדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', תּוֹרָה רפב - אַז מֶען דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דַאן וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועקְפַאלְן; מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן יֶענֶעם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אוֹיסְפִירְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער. לְמַעֲשֶׂה דַארְף מֶען זֵיי דָאךְ מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף תִּיקּוּן הַמִּדּוֹת, כַּשְׁרוּת, צְנִיעוּת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, זָאל מֶען זָאגְן אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס זֵיי טוּעֶן אוּן זִיךְ נָאר מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין דִי גוּטְס? אִיז דָאס גֶענוּג אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין אַלֵיין וֶוערְן גוּט? אָדֶער דַארְף מֶען זֵיי יָא מְעוֹרֵר זַיין זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג? אוּן אוֹיבּ יָא, ווִי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס מִיט דִי דֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ- יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן, מֶען מֵיינְט אַז מֶען הָאט צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער; דָאס אִיז אַ טָעוּת, חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין. עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אוֹיף קִיּוּם הַמִּצְוֹת, וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. בִּפְרַט מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵיי דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשׂא, י): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו, כד): "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ", 'יְבָרֶכְךָ - בְּבָנִים', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט קִינְדֶער, 'וְיִשְׁמְרֶךָ - בְּבָנוֹת', אוּן דִיר אָפְּהִיטְן מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער; וַוייל מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן הָאבְּן מֶער שְׁמִירָה ווִי זוּן; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין זֵיי זָאלְן

גֵיין בִּצְנִיעוּת וֶועט שְׁפֶּעטֶער זַיין אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט.

בַּיים הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ קְלֵיין מֵיידְל מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וֶועמֶענְס אִיז זִי?" הָאט מֶען גֶערוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי גַבָּאִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "הַיִתָּכֵן דוּ לָאזְט דַיין מֵיידֶעלֶע גֵיין מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל? עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת!" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי, זִי אִיז נָאךְ אוּנְטֶער דְרֵיי יָאר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל נִישְׁט הֶערְן קַיין תִּירוּצִים, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת"; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, וַואקְסְן זֵיי אוֹיף עֶרְלִיךְ, אָבֶער אַז מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער גֵיין וִוי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן אוּן מֶען זָאגְט זֵיי גָארְנִישְׁט, מֶען פַארְעֶנְפֶערְט זִיךְ: 'זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג', וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן.

קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין קִינְד זָאגְט אִים מוּסָר, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט פַיינְט זַיין קִינְד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, א): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְד וֶועט דָאס קִינְד אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ; עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס, אָבֶער עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט וַוייל עֶר הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂו; עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו", יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דִי מִדְרָשׁ (פַּרְשַׁת שְׁמוֹת - רַבָּה א, א; תַּנְחוּמָא א), וֶועסְטוּ זֶען וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים רֶעכֶענֶען אוֹיס נָאךְ מַעֲשִׂיוֹת. חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן פוּן אַבְשָׁלוֹם אוּן זַיין בְּרוּדֶער אֲדוֹנִיָּה וָואס זֵייעֶר טַאטֶע דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין מוּסָר אוּן וָואס עֶס אִיז צוּם סוֹף גֶעשֶׁען מִיט זֵיי. אָבֶער דִי קִינְדֶער וָואס מֶען אִיז מְחַנֵךְ, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען יִצְחָק, יִצְחָק הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען יַעֲקֹב אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

זֵיי מִיר מוֹחֵל אָבֶער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט; וָואס הָאט אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, וָואס הָאט חִינוּךְ הַבָּנִים מִיט דַן זַיין לְכַף זְכוּת? פַארְקֶערְט, אוֹיבּ מֶען אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מֶען קוּקְט אִים נִישְׁט אָן וִוי אַ רָשָׁע, דֶעמָאלְט קֶען מֶען יֶענֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב): "דַע כִּי צָרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא רָשָׁע גָמוּר, צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא בּוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְּעַט אֵינוֹ רָשָׁע, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמּוֹצֵא בּוֹ מְעַט טוֹב, וְדָן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, עַל יְדֵי זֶה מַעֲלֶה אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת לְכַף זְכוּת, וְיוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה", אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט אִין יֶענֶעם אַבִּיסְל גוּטְס - דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען יֶענֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים 'עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע' - אַבִּיסְל גוּטְס וָואס אִין דֶעם פְּרַט אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דֶעמָאלְט: 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ', וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, נָאר עֶר וֶועט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיט זִיךְ אַלֵיין; דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אִיז וַוייל עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין סַיי וִוי אַ רָשָׁע, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אָבֶער אַז מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ אַבִּיסְל גוּטְס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז דִי סְתִּירָה פוּן חִינוּךְ אוּן דַן זַיין לְכַף זְכוּת; פַארְקֶערְט אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵיי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי מְעוֹרֵר זַיין זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב רצד)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876